מילגרוים

העפט 4 1923

רמון

NUMBER 4 1923

MILGROIM

A YIDDISH MAGAZINE OF ART AND LETTERS

Editors Dr. M. Vishnitzer and M. Kleinman.

Art Editor Rachel Vishnitzer.

CONTENTS.

THE MOTIVE OF THE PORCH IN BOOK ORNAMENTATION . BY RACHEL VISHNITZER
WITH ILLUSTRATIONS.

THE ENGRAVING. A CHAPTER FROM THE HISTORY OF THE GRAPHIC ARTS . . . . BY HERMANN STRUCK
WITH REPRODUCTIONS OF WORKS BY REMBRANDT, JOZEF ISRAELS, MAX LIEBERMANN, HERMANN STRUCK, H. GLICENSTEIN AND JACOB STEINHARDT.

INTÉRIEUR. A POEM . . . . BY L. KVITKO

LEONARDO DA VINCI. A BIOGRAPHICAL STUDY . . . . BY OLGA PEVSNER-SCHATZ
WITH A PORTRAIT OF LEONARDO

BLACK IS THE NIGHT. A POEM . . . . BY S. TSCHERNICHOVSKI

MAX NORDAU AS AN ART CRITIC . . . . BY RACHEL VISHNITZER

FROM MAX NORDAU'S CRITICISMS ON ART

THE DISCOVERIES OF ELEPHANTINE . . . . BY M. LURIE
WITH A REPRODUCTION OF A FRAGMENT OF AN ARAMAIC PAPYRUS.

THE MYSTERY, HORROR, IN A GOODS-TRAIN. STORIES . . . . BY J. OPATOSHU

RAINBOW . . . . BY MOSES STAVSKI

ART AND LETTERS . . . . BY R. V. AND H. B.

THE DESIGN ON THE COVER HAS BEEN TAKEN FROM THE HAGGADAH OR. 2884 OF THE BRITISH MUSEUM, 14th. CENTURY.

העפט 4 מילגרוים 1923

מילגרוים

צייטשריפט פאר קונסט און ליטעראטור

ליטעראַרישע רעדאקציע
ד״ר מ. ווישניצער און מ. קלייינמאן

קונסט רעדאגירט פון
רחל ווישניצער־בערנשטיין

אינהאלט

דער טויערמאָטיוו אין דער בוך־קונסט / רחל וויש־
ניצער ־ בערנשטיין. * די אנטוויקלונג פון דער
מאָדערנער גראַפיק: די קונסט פונ׳ם ראַדירען /
הערמאן שטרוק * אין שטוב פאַרהאַקטער /
ל. קוויטקאָ * לעאָנאַרדאָ ־ דאַ ־ווינטשי / ד״ר אָלגא
פעוזנער־שאץ * שוואַרץ די נאַכט ... קיין ליכט, קיין
שטערן / שאול טשערניכאָווסקי * אנטוויקלונגען אין
דער קונסטקריטיק: מאקס נאָרדוי / רחל ווישניצער־
בערנשטיין * פון נאָרדוי׳ס קונסטקריטיקען * די אויס־
גראָבונגען אין עלעפאנטינע / מ. לוריא * אַ סוד; שרעק;
אין אַ פראַכטצוג / י. אָפאטאָשו * רעגנבויגן / משה
סטאַווסקי * קונסט און ליטעראַטור כראָניק / ר. וו. ה. ב.

די ארטיקעלן פון רחל ווישניצער־בערנשטיין, הערמאן
שטרוק און ד״ר אָלגא פעוזנער־שאץ זיינען איבער־
געזעצט פון מאנוסקריפט דורך
מ. קלייינמאן.

דאס בילד אויף׳ן שערבלאט איז פון
אַ אילומינירטער הגדה פון 14־טן
יארהונדערט׳ וואס געפינט זיך אין
דעם בריטיש מוזעאום׳ Or. 2884

גערדרוקט אויף קונסטדרוקפאפיר פון דער פירמא שויפעלן אין אויבערלעננגען (ווירטעמבערג) אין דער קונסטדרוקעריי פון
Dr. Selle & Co. A.-G., Berlin SW 29, Zossener Str. 55

Copyright 1923, by Rimon-Verlag, Berlin.

דצ״ך עד״ש באח״ב
רבי יוסי הגלילי אומר מנין אתה
אומר שלקו המצרים במצרים
עשר מכות ועל הים לקו חמשים מכות
במצרים מה הוא אומ' ויאמרו החרטמי'
אל פרעה אצבע אלהים היא ועל הים
מה הוא אומ' וירא ישר' את היד הגדולה אשר
עשה יי' במצרים וייראו העם את יי' ויאמינו
ביי' ובמשה עבדו
כמה לקו באצבע עשר מכות
אמור מעתה במצרים
לקו עשר מכות ועל הים לקו חמשים מכות
רבי אליעזר אומ' מנין שכל מכה

רבי יוסי הגלילי און רבי אליעזר.
פון א אילומינירטער הגדה געשריבן דורך יוסף בר אפרים. מלוכהביבליאָטעק מינכען. קאָד. העבר. 200.

RABBI JOSE HAGLILI AND RABBI ELIEZER. FROM AN ILLUMINATED HAGGADAH COPIED BY JOSEPH BAR EPHRAIM. MUNICH STAATSBIBLIOTHEK. COD. HEBR. 200. COLOUR PLATE EXECUTED BY F. BRUCKMANN, MUNICH.

דער טויער־מאָטיוו אין דער בוך־קונסט.

אויב מיר זאָלן דעם מאמר „אין אנהייב איז געווען דאס וואָרט” פשוט ווערטליך נעמען, וואָלטן מיר געמוזט זאגען, אז אויך דאס געשריבענע וואָרט איז געווען דער ערשטער, דער אנטשיידענדער מאָמענט פון דער שאפונג. אזוי האט עס טאקע די יידישע לעגענדע פארשטאנען, בשעת זי דערציילט, אז נאָך מיט צוויי־טויזנט יאר פאר דער וועלט־באשאפונג איז שוין די תורה געווען, און גאָט ברוך הוא האט זיך מיט איר ארומגעטראגען, און זי איז געווען זיין פרייד, כביכול.

די געשיכטע פון דער שריפט לערנט אבער, אז זי איז תחילת ארויסגעבילדעט געוואָרן פון בילדליכע אויסמאלונגען, אפבילדונגען פון די זאכן, וואס געפינען זיך אויף דער וועלט. אין אנהייב איז אלזאָ געווען די טאט, אין זינען פון א שאפונגסאקט. די שריפט איז שוין ערשט א ווייטערדיגער שריט, א אפשפיגלונג פון דער וועלט־שאפונג.

און ניט בלויז די צייכן פון דער שריפט, נאר אויך דער סדר פון שרייבן, דער אופן ווי אזוי א בוך אויסצופוצן, דער פאָרמאט פונ׳ם בוך — אלעס איז א אפבילדונג פון די זאכן, וואס געפינען זיך אין דער נאטור און אינ׳ם לעבען, טראגט אויף זיך דעם אפשיין פונ׳םווירקליכן לעבען, און נאר מיט גרויס מיה און אין א לאנגזאמן פראָצעס פון אנטוויקלונג איז עס פארגליווערט געווארן אין די באוואוסטע פאָרמען.

אין די אלטע ביכער, אָדער ריכטיגער: אין די פארמעטענע האנטשריפטן, פון וועלכע ס׳האט זיך ארויסגעבילדעט אונזער פאפירנער בוך, זיינען די שפורן פון דער אפשטאמונג נאָך ניט אפגעווישט. דער גאנג פון דער סטיליזירונג איז נאָך ניט אזוי ווייט געקומען, אז מ׳זאָל ניט קאָנען אים נאכפאָלגן צוריק אויף זיין אנטוויקלונג, און דא ווערט באלד אָנזיכטיג, אז דער אנהייב פונ׳ם בוך איז געווען — דער טעמפל.

געוויס, מ׳קאן אויך זאגען: אין אנהייב איז געווען דער ט ו י ט, דען די עלטעסטע עקזיסטירענדע באפוצטע האנטשריפט, דער בארימטער פאפירוס פון לוּאוור, אנטהאלט קבורה־צערעמאָניעס געמאלטע מיט גאָלד און לייכטענדע פארבן. אָדער מ׳וואָלט אויך געקאנט באהויפטן, אז די התחלה פונ׳ם בוך איז געווען די מ ל ח מ ה, ווייל די פריהעסטע אילומינירטע פארמעטענע האנטשריפטן, וועלכע זיינען אונז באוואוסט, די ווירגיל־ראָלן פונ׳ם 4טן יארהונדערט, אנטהאלטן סצענעס פון מלחמה.

אין די דאזיגע ביידע פאלן האנדלט עס זיך אבער וועגן אילוסטראציעס, וואס זייערע קאָמפּאָזיציעס זיינען ניט סטערעאָ־טיפיזירט געוואָרן. העכסטענס האבן זיי געקאָנט האבן אן השפעה אויף שפעטערע מאהלעכצן פון דעם זעלבן אינהאלט, אלס פאָרבילדער, אבער זיי פלעגן ניט באנוצט ווערן אלס פאָרלאגע פאר דער באפוצונג פון א בוך בכלל.

א גאנץ אנדערע ראָלע שפילט אין דער היניזיכט דער טעמפל.

אויף׳ן בילד זייט 4 זעהען מיר א בלאט פון א האנטשריפט פון ספר שמות, וועלכע מ׳קאן משער זיין, אז זי איז געשריבן אין מצרים אין יאר 930 (גענומען פון דער פעטערבורגער מלוכה־ביבליאָטעק Ms II. 17). אויף׳ן ערשטן בליק ווירקט דאס בלאט ריין אָרנאמענטאל, ס׳ווייזט אויס ווי א טעפיך, א קאָמפאָזיציע פון ריין־געאָמעטרישע און געוויקסען־צייכנונגען. פארט אבער איז עס נאָך ניט קיין טעפיך, נאָך ניט קיין פארגליווערטע באפוצונג; ווירקליך לעבען פולסירט נאָך אין די דאזיגע פאָרמען.

דאס איז א בילד פון א טעמפל. מיר קומען אריין דורך ברייטע טוירן, דריי איינגאנגען זיינען עס. צווישען דעם מיטלען, גרעסערן, איינגאנג און די זייטיגע ליגען נישען, וועלכע זיינען פארפילט מיט פאנטאסטישע בלומען, — אָדער זיינען דאס אפשר סטיליזירטע ביימער? מיר געהען גלייך פארויס און מיר דערזעהען א גוואלטיגע מנורה, וועלכע וואקסט אויס פאר אונז אין דער מיט פונ׳ם חלל, אירע ארימס זיינען גראד־ווינקעלדיג געבויגן און טראגן איילעמפלעך. הינטער דער מנורה שטייגט ארויס דער ארון־קודש, אפגעטיילט דורך א מחיצה. דער ארון־קודש איז מיט צוויי פליגלען און געקרוינט מיט א געזימץ. אינעווייניג שטעהן אויפגעשטעלט צוויי לוחות מיט דרייעקיגע אויערן (טאבולא אנסאטא). רעכטס און לינקס פונ׳ם ארון, אינ׳ם שטח פון דער מחיצה, רוקן זיך ארויס צוויי גרויסע צווייגען. זיינען זיי אויף דער וואנט געמאלט, אָדער זיינען זיי אין רעליעף אויסגעארבעט? דאס איז שווער צו באשטימען. אין די זייטן זיינען נאָך אויסגעשטעלט די כלי־הקודש. דאס אויסגעפוצטע פעלד פון אויבן און די שמעלערע פעלדער בא די זייטן, זיינען אודאי מאָזאַיק־פוסבאָדן.

אין אן אנדער בלאט פון דער זעלבער האנטשריפט, וועלכעס גיט אונז אביסל אן אנדער געמעל פונ׳ם הייליגטום, זעהען מיר ווידער די מנורה, דאסמאל שוין מיט פארקיילעכיגטע, אויפגעהויבענע ארימס. דער שטח, אין וועלכן זי שטעהט, איז דא אפגעגרעניצט אויך פון די זייטן, און דער צוויטער



א ארון קודש. פון א אילומינירטען חומש פונ׳ם 10-טן יארהונדערט.
פעטערבורגער עפענטליכע ביבליאָטעק Ms. II 19. רעפראָדוצירט פון סטאסאָװ׳ס און גינצבורג׳ס „העברעאישער אָרנאמענט״ מיט ערלויבניש פונ׳ם „יידישען פארלאג״ בערלין.

THE HOLY ARK. FROM AN ILLUMINATED PENTATEUCH OF THE Xth CENTURY. PETROGRAD PUBLIC LIBRARY MS. II. 49. REPRODUCED FROM V. STASSOV AND DAVID GUENZBURG, "L'ORNEMENT HÊBREU". BY KIND PERMISSION OF THE "JÜDISCHER VERLAG".

א טעמפעל־אנזיכט. פון א אילומינירטען חומש, געענדיגט 5 כסליו 1241 לשטרות, ד. ה. 930 לויט געוועהנליכער צייטרעכנונג. געשריבן פון שלמה הלוי בר בועא. פעטערבורגער עפענטליכע ביבליאָטעק Ms. II 17. רעפראָדוצירט נאך סטאסאָוו׳ס און גינצבורג׳ס „העברעאישער אָרנאמענט“, מיט ערלויבניש פונ׳ם „יידישען פארלאג“ בערלין.

INTERIOR OF THE TEMPLE. FROM AN ILLUMINATED PENTATEUCH, FINISHED THE 5th KISLEV 1241 OF THE SELEUCID ÆRA, I. E. 930 OF THE COMMON ÆRA. COPIED BY SALOMON HALEVI BAR BUYA, THE LEVITE. PETROGRAD PUBLIC LIBRARY. MS. II. 17. REPRODUCED FROM V. STASSOV AND DAVID GUENZBURG, "L'ORNEMENT HÊBREU". BY KIND PERMISSION OF THE "JÜDISCHER VERLAG".

רוים פון פּאָרינט, אין וועלכען ס׳שטעהט דער ארון־קודש, איז אביסל שמעלער. מיר האבן דא א מין אבסידע. צי געפינט זי זיך אויך אויף די אויסערע מויערן, קאן מען ליידער ניט זעהען, ווייל דער אבשניט פונ׳ם כתב־יד איז גראד בא די דאזיגע אינטערעסאנטע ערטער געפעלערט. די נעבענשיפן זיינען איינגעפאסט אין זיילן־גענג, אויב מיר מעגען אננעמען די קרייזען פאר זיילן געצייכענטע אינ׳ם פלאן. אלץ זאגט עדות אויף אזא פירוש. דאס מערקווירדיגע פון דעם דאזיגן געמעל איז, וואס א טייל חלקים זיינע זיינען פּאָרגעשטעלט ווי מ׳זעהט עס אין פלאן, דאס הייסט: אין האָריזאָנטאלן שניט, אנדערע טיילן אבער אין פראָנטאלן אויסזעהען. ביז צום שפעטן מיטלאלטער געפינען מיר אזעלכע בויפלאנען, און גראד אין העברעאישע ביבעל־האנטשריפטן זיינען אזעלכע טעמפּל־צייכנונגן ניט זעלטען.

אין די דאזיגע בילדער, ווי די אָט־וואס ארומגערעדטע ספר־שמות־האנטשריפט פונ׳ם 10־טן יארהונדערט, איז שוין דערגרייכט געווארן א מדרגה אין דער באפוצונג, וועלכע ליגט צווישן דער אילוסטראציע און דער אָרנאמענטאציע. מיר דערקענען נאך די איינריכטונג פון א טעמפּעל אדער א שוהל, נאך איז עס א פארשטעלונג פון א ווירקליכן געביי, אבער פארט . . . דאס בילד הייבט אן זיך פארהילן און פארשוואומען. עס איז ווי דאס בילד פון א חלום: אָט זיינען נאך דאס געוועזן זיילן — ניט אמת? — און אָט ווערן פון די צירקלען, וואס באטייטן די זיילן, קרייזן באצירטע מיט בלומען. שוין גיסן זיך איבער די כלים, די וואזעס, די קענדליך, די לייכטער, דער לולב, די אתרוגים — אין אָרנאמענטן. אזעלכע פארוואנדלונגען זעהען מיר היינט נאר נאך אינ׳ם באלעט, וועלכער באנוצט זיך גערן מיט׳ן טעמא, וואו באוועגליכעס לעבען ווערט פארגליווערט אין א בילד.

אנ׳אנדערע העברעאישע האנטשריפט — אויך פון דער פּעטערבורגער מלוכה־ביבליאָטעק (Ms. Il. 49), געוויס פון דעם זעלבן מקור און פון דער זעלבער צייט, ווי די אויבן דערמאנטע, באווייזט אונז א ווייטערן שריט אינ׳ם פּראָצעס פון סטיליזירונג (זייט 3). די לוחות שטעהען שוין ניט אין הינטערגרונד, אויף א מרחק, אזוי ווי זיי ווערן געזעהען פונ׳ם אריינגעהער אין טעמפּל, ניט האבענדיג די העזה צו געהן צו נאָהנט צום הייליגטום, נאר זיי בילדען דעם מיטלפונקט פון דער קאָמפּאָזיציע. דאס, וואס מיר זעהען א ר ו ם די לוחות איז שוין ניט די איינריכטונג פון א טעמפּל, ניטא מעהר דער לאנגער זאל מיט די נעבענשיפן און מחיצות, מיט די לייכטער און כלים, נאר איינציג די ביישטידלאַך פונ׳ם ארון־קודש. די לוחות זיינען ארויסגערוקט צו׳ן אונז נעהענטער און דער ארון־קודש איז אזוי ווי א רעהמל פאר זיי. אבער דער ארון־קודש ווערט אויך שוין ניט געפיהלט אין זיין געגענשטענדליכקייט. דער פּראָצעס פון דעם אָרנאמענטאלן גלגול האט אויך אים פארכאפּט, די ביישטידלאַך, דער גזימץ . . . אלעס צעפאלט זיך אויף קוואדראטן און קרייזן, און די שריפט פלעכט זיך ארום די דאזיגע צוברעקעלטע בוי־גלידער, וועלכע זיינען עס שוין מעהר ניט. אויף דעם וועג זיינען געגאנגען די מזרח־מענשן בכלל. די אראבער האבן סטיליזירט אויף זייערע תפלה־טעפּיכען, אין זייערע קאָראנען, די הייליגע נישע, דעם „מִיעֲרַב״, פונקט אזוי ווי די יידן האבן סטיליזירט דעם ארון־קודש.

אויך די ערשטע קריסטן האבן זיך גענומען דעם ארון אלס מאָטיוו צום באפוצן זייערע ביכער און באזונדער פלעגן זיי אים אויסדערוויילן בא טעקסטן, וואס זיינען ווי לוחות אויסגעשטעלט. דאס פריהעסטע ביישפּיל פאר דעם גיט אונז די עוואנגעליע, וואס איז געשריבען געווארן אין מעסאָפּאַטאמיע, אין דער שטאט זאַגבאַ, פון דעם סירישער מאָנאך ראַבולאַ אינ׳ם יאר 586. דער כתב־יד געפינט זיך אין דער לוירענציאַנא אין פלאָרענץ. דא טרעפן מיר אן אייזעביוס׳עס קאָנקאָרדאנץ־טאוולען איינגעפאסט אין א בויגען־ארכיטעקטור, א זכר צום הייליגען ארון. דער דאזיגער מאָטיוו ווערט סטערעאָטיפּיזירט און ער פארלאזט שוין ניט דאס געביט פון דער בוך־באפוצונג. די ביצאנטינישע קונסט האט עס פארמאגט אין פאַרלויף פון יארהונדערטען, די פּאטריארכאלישע, פונ׳ם בית־המקדש איבערגעליפערטע פאָרם אויפצוהאלטן. דער אָרון אדער דער „שער״, וועלכער ראמט ארום דעם טעקסט, (צו באמערקן איז כדאי, אז די שריפט־קאָלאָנעס רופט דער תרגום אונקלוס אן „טירען״, דלתות אדער פצים) ווערט מיט פּאלמענביימער אדער בלומען בא די זייטן ארומגעשטעלט. די דאזיגע פּאלמען און בלומען קענען מיר פון דער באשרייבונג פון מקדש שלמה אין ספר מלכים א, ו כ״ט. דארט ווערען די פּאלמענביימער אויסדריקליך דערמאנט אלס עלעמענטן פון דער וואנט־דעקאָראציע. פּאלמענביימער און כרובים, דאס איז אנ׳אלטער אשור׳שער מאָטיוו אויף וועגט און טירן און אויך פריי־שטעהענדיג, און אָט זעהען מיר זיי ווידער אין שלמה׳ס בית־המקדש. אויך אין דעם פריהער ארומגערעדטן מצרים׳שען כתב־יד פון ספר שמות, איז דער ארון־קודש מיט צוויגען און בלומען ארומגעשטעלט בא די זייטן.

אין 9־טן און 10־טן יארהונדערט פארבלייבט די יידישע אילומינאציע (האנטשריפט־באפוצונג) אזוי ווי בא אלע פעלקער, נאך זעהר ענג פארבונדן מיט די פארשידענע קונסטגעווערבליכע אויסארבייטונגען. דער באפוצער איז אפט געוועזן א יובעליר און געקאנט די מלאכה פון גראווירן און עמאלירן. דערמיט דערקלערט זיך די פּאָרליבע זייערע צום גאָלד אין דער אילומינאציע (באפוצונג), צום פארשטעלען מעטאלענע כלים און קייטן־מאָטיוון אין דער אָרנאמענטאציע. ערשט אין 12־טן און 13־טן יארהונדערט ווערט די באשעפטיגונג פונ׳ם אילומינירער (בוך־באפוצער) זעלבסטשטענדיגער, די מאלעריי ווערט א באזונדערער צווייג און די פארבען קומען צום גרויסן טייל אויף׳ן ארט פונ׳ם גאָלד.

אין דער רייצענד־שענער קליינער הגדה־האנטשריפט פונ׳ם 14־טן יארהונדערט, (זעה בילד זייט 8), וועלכע געפינט זיך אין בריטיש מוזעאום (Or. 2737), זעהען מיר, אז דאס גאָלד איז שוין אוועקגעפאלן. די בילדער זיינען פון א וואונדערבארן פארבען־פרייד און העלקייט. א קרעפטיג געלב, א פלאשען־גרין פאראייניגען זיך מיט א לייכטענדען ציניובער, מיט פורפור־רויט, וועלכעס געהט איבער אין פיאָלעט. דער כוואליע־מאָטיוו אינ׳ם ראהמען און אינ׳ם בויגען ווייזען, אגב, די האנט פונ׳ם מעטאלגראווירער. דאס גאנצע בילד ווירקט אויך אין די ארכיטעקטאָנישע מכשירים גיכער מוריש ווי גאָטיש. דער טעקסט פון דער דאזיגער הגדה האט זעהר וועניג בא־

Add. 14761 דער סדר. פון אַ אילומינירטער הגדה. בריטישער מוזעאום.

THE SEDER. FROM AN ILLUMINATED HAGGADAH. BRITISH MUSEUM, Add. 14761.

פוצונג, בלויז פון צייט צו צייט א פארצירטעס אנהייב־וואָרט. דערפאר אבער זיינען די בילדער, וואס זיינען בייגעלעגט צום ביכל אלס סעריע, אלע איינגעפאסט אין בויגען־ארכיטעקטורן, אזוי ווי דאס, וועלכעס איז דא אפגעבילדעט. אין דעם דא רעפראָדוצירטען בלאט שפילט דער טויער־מאָטיוו א טאָפּעלע ראָלי. ערשטענס אלס סטערעאָטיפּישע איינפאסונג, נאר דא פאסט ער איין ניט א שריפט־טאוול, נאר א בילד, און צווייטענס אלס עלעמענט פונ׳ם אינהאלט פון דעם בילד. דאס בילד שטעלט נעמליך פאָר א מקוה, א מרחץ, וועלכער איז פארגעשטעלט אינ׳ם פרעכטיגען געביי. אויף דער גאלערייע איבער די ארקאדען, זעהט מען פרויען איינגעהילט אין שאלען, וועלכע באשעפטיגען זיך מיט׳ן טובל׳ן נייע כלים אויף פסח. די ארכיטעקטור, די געשטאלטען פון די פרויען, דאס אונטען־פליסענדיגע וואסער — אלעס איז פון מאָנומענטאלער שיינקייט.

מ׳זעהט, — אז דער־ראהמען, ווען ער פאסט ארום ניט קיין טעקסט, נאר א בילד, קאן ער געווינען צוריק זיין אור־

שפרינגליכע ארכיטעקטאָנישע באדייטונג. א ווירקליכער טויער, א ווירקליך געביי — אין אונזער פאל די מקוה, — דארף פארגעשטעלט ווערן. נאר על־פי רוב איז עס שוין ניט דער ארון הקודש, נאר דער טויער, אָדער דאס געוועלב, פון א קירכע אָדער א שוהל, אָדער א מושעע, וועלכעס שוועבט פאר׳ן קינסטלערס אויגן בא דער ארבעט. דער טויער־מאָטיוו ווערט אלץ רייכער באפוצט און ער ווערט על פי רוב פארנוצט פאר די באדייטענדערע בילדער פונ׳ם בוך. אינ׳ם זעלטענעם סדר־בילד, וואס מיר האבן געבראכט אינ׳ם ערשטען העפט מילגרוים (זייט 1), וועלכעס איז דאס באדייטענדסטע אין דער סעריע סדר־סצענעס פון דער דערמאנטער הגדה (British Museum Add. 14761), העלפט דער ארכיטעקטאָנישער ראהמען ניט וועניג צו, כדי די פייערליכקייט פונ׳ם סדר צו שטייגערן. אין דעם זעלבן כתב־יד געפינען מיר איינע א סדר־סצענע, פאר וועלכער דער קינסטלער האט, ס׳ווייזט אויס, געוואָלט וועניגער פלאץ און באדייטונג אפגעבן. אויף דעם בלאט זאָל אחוץ דעם בילד, נאָך א פינף שורות פון טעקסט געשריבען שטעהן (זעה בילד זייט 6). דערפאר האט ער אזוי דאס בילד קאָמפּאָנירט, אז דער געוועלב־בויגן זאָל נאר די הויפּט־פערזאָנען איינפאסן, דעם בעל־הבית און זיין פרוי. די איבעריגע מיטגלידער פון דער פאמיליע און דער אורח קאָנען זיך מיט א פּראָסטערער איינראמונג באנוגענען. אפט ווערט דאס בילד אוועקגעשטעלט איבערן טויער, אזוי ווי דאס קומט פאר אין דעם בלאט פון א מחזור פונ׳ם 14־טן יארהונדערט, וועלכעס שטעלט פאָר די סצענע פון מתן־תורה (זעה מילגרוים, העפט 2, זייט 1). דער טעקסט, וועלכער איז ווי טאוולען אויסגעשטעלט, געפינט זיך אינ׳ם אינערן פונ׳ם טויער.

אינ׳ם 15־טן יארהונדערט אנטוויקלט זיך די פערספּעקטיווע און מ׳באקומט די מעגליכקייט צו צייכענען געבייען מיט א גרעסערן רחבות און ניט בלויז פונ׳ם פראָנטאל געזעהן. דאמאלס פארלירט דער פלאכער טויער־מאָטיוו, וועלכער איז באשטימט געווען אלס ראהמען, זיין באדייטונג. דער חלל ווערט שוין אנגעוויזן ניט דורך׳ן פלאכן בויגען, נאר מ׳באמיט זיך אים צו ווייזן אין זיין אויסשפּרייטונג אין דער טיף. דער נאטוראליזם געפינט זיין אויסדרוק אויך אין דעם, וואס די לאנדשאפט מעג קומען צום וואָרט. די נייע ריכטונג פיהלט זיך שוין אין דעם בלאט פון דער הגדה געשריבן פון איינעם יוסף בר אפרים (געפינט זיך אין דער מלוכה־ביבליאָטעק אין מינכען Cod. hebr. 200). דאס דאזיגע בלאט איז רעפּראָדוצירט בא אונז אויף זייט 1, די אייבערשטע פיגור — רבי יוסי הגלילי — זיצט איינפאך אויף א גראז־ביינקל, קיין שטרענגע ארכיטעקטור פארצוימט ניט אירע באוועגונגען. א גרין בערגיל, א בלויער הימעל, — ווי וואונדערליך ווירקט דא דאס פארזיכטיגע, פחדנות׳דיגע דערנעהענטערן זיך צו דער נאטור! די פיגור אונטן — רבי אליעזר — ווי זי קאן שוין זיצן! ווי זי האלט דאס דעם בוך! אבער דער צוזאמענהאנג צווישען דעם בילדל און דער שריפטזייט איז שוין גאנץ לויז געוואָרן.

ס׳האט געפּלאצט דער שטרענגער ראמען, א כוואליע פון פרייען לעבן האט אָפּגעשווייינקט די געוירשענטע בוך־עסטעטיק. און אויף אזא אויפן האט אויך דער טויער־מאָטיוו פארלאָרן זיין באדייטונג. מ׳האט אים אָנגעהויבן פיהלען אלס א שטערונג, אלס ענג־מאכענדיג, אלס צו פייערליך און אלטערטימליך. דערפאר האט מען אים איבערגעטראָגען אויפ׳ן טיטעלבלאט פונ׳ם בוך, אפגעשטופּט צום יום־טובדיג אויסגעפוצטען שער־בלאַט. דאָ, פאר דעם טעקסט, קאָן ער ניט שטערען. און טאקע די אויסשטעלונג פונ׳ם טיטעל־בלאט, וועלכער האט ניט קיין המשך׳דיגען טעקסט, נאר קורצע אנגאבען, דהיינו: דעם נאָמען פונ׳ם ספר, דעם מחבר, דעם פארלעגער און אז. וו. — אַלץ אזעלכע מיטטיילונגען, וועלכע קאָנען אם בעסטען אויסגעשטעלט ווערן טאָוול־ארטיג, — פאסט זיך אם בעסטן צו דער טויער־פאָרם.

אין אונזערע געדרוקטע ביכער פון דער רענעסאנס־צייט, פון באראָק, פון ראָקאָקאָ און עמפּיר געפינען מיר אפט דעם טויער־מאָטיוו באנוצט אויפ׳ן טיטעל־בלאט. זיינע פאָרמען בייטען זיך אינאיינעם מיט׳ן סטיל, אמאָל איז עס די קלאסישע זיילען־ארדנונג, אמאָל זיינען די זיילען געדרעהטע, אמאָל איז עס א בויגען, אמאָל א גלייכע פלאנקע. אויפן אָרט פון די פאלמען און בלומען קומען די צורות פון משה ואהרן. דער סימבאָל פונ׳ם „ארון־הברית" איז פארשטארקט געוואָרען. אין די הגדות פונ׳ם 17־טן יאָרהונדערט זיינען אזעלכע טיטעל־בלעטער שכיח געווען.

מעהר פון אלע איז די מגלת אסתר געטריי געבליבן דעם טויער מאָטיוו. ביז צו דער שפּעטסטער צייט האָט זי איינגעפאסט אירע „טירען" — אזוי פיעל ווי זי פלעגט זיי איבערהויפּט באפוצן, — אין בויגען־ארכיטעקטורען.

פון אוראלטע צייטען האָט זיך דער מאָטיוו פונ׳ם אָרון ווייטער געפלאנצט. אודאי האבן די ערשטע קריסטן גענאשט פון די יידישע בוך־קינסטלער, שפּעטער אבער האבן זיך די ראָלן געביטן און דער שער־ראהמען אין די האנטשריפט־מאלערייען — כאָטש אלץ נאך א זכר פונ׳ם אָרון הקודש — ווערט א מאָטיוו פון דער קירכען־ארכיטעקטור, וועלכע ווערט באנוצט אויך פון די יידישע אילומינירערס, און שפּעטער, אין דער צייט פונ׳ם בוך־דרוק, פון די גראווירערס. זיי האבן אבער איבערגענומען נאר דעם גלגול פון דער סטיל־פאָרם, הינטער וועלכער, זאָל עס זיין באראָק, אדער עמפּיר, איז סוף כל סוף געשטאנען אלץ דאס זעלבע אורבילד, אלץ די זעלבע גרונד־אידעע פון דעם הייליגען אָרון מיט די שטיינערנע לוחות פון משה־רבינו.

רחל ווישניצער־בערנשטיין.



פרויען טובל׳ען אין א מקוה נייע כלים אויף פסח. פון א אילומינירטער הגדה. בריטיש מוזעאום. **Or. 2737**

WOMEN WASHING NEW VESSELS FOR PASSOVER. FROM AN ILLUMINATED HAGGADAH. BRITISH MUSEUM, OR. 2737.